# דער חוקר

די רגלים אונטער זיך פאַרבויגן,
אויפגעשטעלט די אוי׳רן, האַלב פאַרמאַכט די אויגן,
ליגט דאָס אייזל און סע הייבט געדאַנקען.
(וויפל חקירות האָבן מיר חמורים צו פאַרדאַנקען!)
„אַ! גוט מאָרגן!“ די געדאַנקען אומגעריכט שלאָגט־איבער אים
דאָס פערד,
„נאָר איר טראַכט, מײַן שכן, נאָר איר קלערט!
וואָס איז עפעס ווידער?“
זאָגט דאָס פערד און לייגט זיך קעגן אים אַנידער,
„הערט, געדענקט מײַן וואָרט:
טראַכטן — אי פאַר זיך אי פאַר דער וועלט אַ מאָרד!“
„כ׳ווייס! נו, מילא, ס׳טראַכט זיך אָבער פאָרט!
ס׳איז אַזוי, מײַן פריינד, די טבע פון אַ חוקר —
די געדאַנקען־משׂא טראָגט ער ווי דאָס קעמל טראָגט דעם הויקער.
אָט למשל איך פאַרטיפט זיך אין נגינה:
שלאָף איך, צי קײַ שטרוי איך,
וויל איך יאָ, צי וויל איך ניט — סע אַרבעט שוין דער מוח!
ס׳איז, פאַרשטייט איר מיך, אַן ענין ניט ווי גראָזן גרינע,
ניט אין איין כהרף־עין
וועט איר דאָס צעקײַען!
נעמט דעם סאָלאָוויי אַ שטייגער — וואָס? אַ וועוריקל, אַ ברעקל!
און סע קלינגט מיט אים אַ וועלט — אַ גלעקל!
זאָגט, ווּ שטעקט זײַן גבורה, ווּ? אין פליגל צי אין בויך?“
„כ׳ווייס? מע זאָגט, אַז זינגען דאַרף אַן אוי׳ר“.
„שטותים!“ שאָקלט מיט די אוי׳רן רב חמור,
„אוי׳רן האָב איך אויך!“
„אפשר איז געווענדט אין קול? אין האַלדז?“
„אי, מע דאַרף דאָך ווי דער קו אײַך געבן לעקן זאַלץ!

וואָס־זשע, כ'האָב קיין קול חלילה? ווילט איר שרײַען, שרײַ איך!"
און דאָס אייזל ציט דעם האַלדז און טוט אַ הירזשע.
„וואָס־זשע דען? זאָגט איר־זשע!"
בעט דאָס פערד.
„הערט!
איך אַז קײַ אַ זאַך, צעקײַ איך,
על־פּי שׂכל!
זינגען איז געווענדט אין מוח'ל, ברודערציו, אין מוח'ל!"
„גאָר אין מוח'ל? וואָס איז שײַך?"
„שייך, שייך, זאָג איך אײַך, רב פערד,
נאָר דאָס שייכות איז פאַרקערט:
ס'איז אַ כּלל,
וויסן זאָל פון הײַנט די שטאַל —
וואָס דאָס מוח'ל קלענער,
אַלץ דאָס זינגען שענער!"